ניו יארק סיטי
**פריע אינטערווענשן**
פראגראם
**ווי פריער, אלס בעסער**

# ארויסהעלפנדע טעכנאלאגיע:

## געצייג צו העלפן אייער קינד לערנען און שפילן

ארויסהעלפנדע טעכנאלאגישע דעווייסעס העלפן בעיביס און קליינע קינדער אין די פריע אינטערווענשן פראגראם צו שפילן, לערנען און זיך אומגיין מיט אנדערע. דעווייסעס קענען זיין פשוט אדער קאמפליצירט. זיי נעמען אריין:

- הירינג עידס (מאשינען צו העלפן הערן)
- געצייג צו העלפן קינדער רעדן און פארשטיין
- שפילצייג מיט לעקטער און קלאנגען פאר קינדער וואס האבן שוועריגקייטן מיטן זען
- ספעציעלע קערידשעס, שטייערס, וואקערס און ברעיסעס פאר קינדער מיט מאטאר פראבלעמען
- ספעציעלע לעפלעך אדער גלעזער וואס קענען העלפן אייער קינד מיט טאג-טעגליכע אקטיוויטעטן

## אויסצוגעפונען מער, רעדט מיט אייער פריע אינטערווענשן טעראפיסט.

אויב איר און אייער פריע אינטערווענשן טעראפיסט זענען איינשטימיג אז אן ארויסהעלפנדע טעכנאלאגישע דעווייס קען זיין פאסיג פאר אייער קינד און פאמיליע:

- מיט אייער שריפטליכע ערלויבעניש, וועט א מיטגליד פון אייער פריע אינטערווענשן טיעם זיך פארבינדן מיט אייער פאמיליע העלט קעיר פראוויידער און באקומען א פרעסקריפשן פאר יעדע דעווייס.
- אייער טיעם וועט דאן אריינגעבן די בקשה.
- נאך וואס פריע אינטערווענשן שטאב באשטעטיגן די בקשה, וועט א פארקויפער ארבעטן מיט אייך און אייער טעראפיסט צו אויסוועלן די פאסיגע דעווייס פאר אייער קינד און עס צופאסן ווי עס פעלט אויס.
- איינמאל איר באקומט די דעווייס, וועט די פארקויפער און אייער טעראפיסט אייך אויסלערנען וויאזוי צו נוצן די דעווייס זיכערערהייט.

## פראבירט אויס פארשידענע דעווייסעס צו טרעפן וואס איז די בעסטע פאר אייער קינד.

געוויסע דעווייסעס קענען זיין זייער קאמפליצירט, אבער אמאל קען די בעסטע דעווייס פאר אייער קינד זיין זייער פשוט, ווי למשל א לעפל מיט א גרויסע הענטל.

ADAPT Community Network קען אייך העלפן לערנען וועגן פארשידענע ארויסהעלפנדע טעכנאלאגיע דעווייסעס פאר אומזיסט. געוויסע דעווייסעס קענען מעגליך זיין אוועילעבל צו בארגן פאר א קורצע צייט צו אויספראבירן מיט אייער בעיבי אדער יונגע קינד. צוזאמען מיט אייער פריע אינטערווענשן טעראפיסט, אדער אליין, קענט איר זיך פארבינדן מיט ADAPT Community Network אויף 718-436-7979 (עקסטענשן 5024) אדער **techworks@adaptcommunitynetwork.org** צו רעדן וועגן אייערע געברויכן אדער באשטעלן אן אפוינטמענט צו לערנען וועגן דעווייסעס מיט ערפארענע שטאב.



NYC Health

בילד © 2015 דורך Rifton Equipment. גענוצט מיט ערלויבעניש.

2.26 Yiddish